לידידי היקר
לי מאד עסקן
נמרץ ורב
הכשרון הר׳
**מאיר שנקולבסקי** נ״י
בניו ־ יארק
ברכת מז״ט
חמה ונלבבה
לנשואיו שלו
א״ג פרידנזון.

# בית־יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים
דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת־ישראל אין פּוילן
רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

| לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | ב״ה תמוז תרצ״ט | נומער 157 | זעכצנטער יאָר־גאַנג |
|---|---|---|---|

# ווידער הייבן מיר אָן בײַ דער „אלף"

**דער** רעיון פון צונויפרופן אונדזערס אַ שרייבער־אַסיפה, האט דאך זוכה געווען צו ווערן אַ ...אַקט. לכתחילה האט עס אויסגעזען צו זיין נישט מעגלעך און נישט צום דורכפירן. פון אַלע זייטן מניעות און העמונג, חששות און ספיקות און נישט ווייניק, אַפילו ביטול צו זיך אַליין.

ווייזט אבער אויס, אַז ווען אַן־אַרויסגירופינע איניציאַטיוו האט בײַ די אַרויסרופער אַליין די טיפע הכרה פון זיין תועלת, קען שוין גאָרנישט אָפּהאַלטן, ס־זאָל נישט אויסגיפירט ווערן די גימאַכטע איניציאַטיוו.

אונדזער רעדאַקציע האט גיהאַלטן פאַר נייטיק צו נעמין אין דער האַנט די דאזיקע איניציאַטיוו. שוין דערפאַר האבן מיר טאַקי עס גימוזט אונטער־נעמין, ווייל די באַוועגונג, וואָס מיר דינין און די מחנות, וואָס גרופּירן זיך אַרום אונדזער טריבונע, נייטיקן זיך דערין אַממיינסטן.

אונדזערע שולן, לערערשאַפט, יוגנט־פירערנס און אַלע פון אונדזער באַוועגונג לאָזן אונדז נישט קיין מנוחה און פאַרלאַנגין ליטעראַטור, ביכער און שריפטן, וואָס זאָלן לערנין, דערציען, באַוואוסטזיניק מאַכן דעם עולם, וועגן אונדזערע הייליקסטע קנינים.

זיי פאדערן פון אונדז, און מיט רעכט. מיט זעכצן יאָר צוריק, האבן מיר אָנגיהויבן. מיר האבן צוגיזאָגט מיט די ענינים זיך צו פאַרנעמין און מיר האבן עס אויך גיטון. נאך ווייט אבער זענין אונד־זערע מעשים נישט גינוגנט אויף דעם שטח. מיר אַליין ווייסן דאָס און ווייטער אָפּקומין בלויז מיט סטערעאָטיפּישע תשובות פון „נישטאָ קיין ליטעראַטור פאַר אונדזער באַוועגונג" האבן מיר שוין נישט גיקענט.

אויך דאָס מאָל האבן מיר גימאַכט אַ גאַנג לויט אונדזער טראַדיציע און רגילות: צוגיין צו דעם ענין זאַכלעך, ערנצט און מיט גרויס ישוב הדעת.

מיר האבן פאַרבעטן קודם־כל אונדזער שרייבער־עולם, כדי אַריינצוברענגין אַ ביסל בירור אין די ענינים פון ליטעראַרישן שאַפן און ממילא ווי אַזוי ס־דאַרף בכלל זיך אַנטוויקלין זייער טעטיקייט אויף דעם פאַרוואָרלאָזטן שטח.

אויף דער שרייבער־קאָנפערענץ איז אין די דאזיקע ערנצטע פראַגן אַ סך נתברר געוואָרן און אויף להבא וועלן זיכער אַרויסקומין אַ סך תיקונים. דער ערש־טער אויסשמועס וועט ברענגין ווייטערע אויס־שמועסן און די השפעה פון אַזעלכע אויסשמועסן קען נאָר זיין לטובה.

אבער נישט בלויז בײַ טעאָרעטישע וויכוחים וועט עס בלייבן. אַזוי לפּחות איז די האָפינונג גיגעבן גיוואָרן. אַלע בכלל און יעדער באַזונדער דאַרף די פּערספּעקטיוון פון בטחון זיך נאך אויסברייטערן, און אין בשותפותדיקער מיטאַרבייט פון יעדן איינים איז אָפּהענגיק די הצלחה.

עס איז גילייגט גיוואָרן דער יסוד צו דער ניי־גי־שאַפינער גיזעלשאַפט פון אַגודיסטישע שרייבער און ליטעראַטור־פריינט „אלף".

דער ערשטער סימן, וואָס לייגט דעם חותם אויף דעם מהות און אויפגאַבן פון דער גיזעלשאַפט איז דער אָריגינעלער נאָמין „אַלף", וואס באַטייט: אָנ־הייב, התחלה, ערשטע טריט.

אמת, שוין צוואַנציק יאָר זענין מיר, אַגודיסטישע שרייבער, טעטיק פאַר דער זאַך. מיר האבן שוין הינטער זיך אַפילו חשובע דערגרייכונגין, אויפטוּן און מעשים – דאך הייבן מיר אָן אויפסניי מיט פרישן מוט, באַנייטער ענערגיע און דער עיקר, מיטן ערשטן שטאַרקן רצון צו זיין שעפעריש און אַקטיוו.

דער נאָמין „אלף" ווערט פונאַנדערגינומין. אויף ראשי־תיבות אין יידיש און זאָגט אַלץ, וואָס די גיזעלשאַפט דאַרף שאַפן און טון.

**א**גודיסטישע **ל**יטעראַטור **פ**ריינט.
**א**גודיסטישע **ל**יטעראַטן־**פ**אַראייניקונג.
**א**גודיסטישער **ל**יטעראַטור־**פ**אַרלאַג.
**א**גודיסטישער **ל**יטעראַטור־**פ**אַנד.
**א**גודיסטישע **ל**יטעראַטור־**פ**רעמיע.

יעדער מקצוע פון די פיניף איז אַ פּרט פונים כלל, וואָס פירט צו איין תכלית: צו באַשאַפן דאָס אַלץ, וואָס איז נייטיק, דרינגענט נייטיק, כדי מחזק צו זיין דאָס יהדות, שעפעריש צו מאַכן דעם רעיון פון אַגודת־ישראל און ס־זאָלן אויפלייכטן די אורות פון אמונה און דעת אין יידישן פאָלק.

מיר חלומין נישט אַפילו, אַז די נייע גיוואַגטע אונטערנעמונג איז אַן־ענין אויף טעג, וואכן צי חדשים. עס מוז דויערן יאָרן ביז ס־וועלן זיין ממשותדיקע דערגרייכונגין. דאָס אויפקלערן און אויסטייטשן די אויפגאַבן פון „אלף" אַליין, וועט פאדערן אַ סך כוחות און רייכע מיטלין.

פאַרדאָס אבער האפן מיר דערמיט אונטערצובויען אונדזער אגודת־ישראל פעסטע אָנלען־זיילן, אויף וועלכע זי וועט זיך קענין אויפסניי פאַרפעסטיקן און אויסבויען.

דער גוטער רצון פון אַלע גיטרייע פון אונדזער מחנה מיט אונדז מיטצואַרביטן און האָבן אַ חלק אין דער עבודת־הקודש, דאָס אויג פון אונדזערע מנהיגים און גדולים, וואָס וועט באַוואַכן מיט אהבה און פיעטעט אונדזערע מעשים, דאָס אַלץ וועט בעזר השם אונדז פירן אויף די וועגן מצליח צו זיין.

איבער אַלימין וועט אבער אונדז שטאַרקן אין אונ־דזער אָנהייב דאָס נישט צולאָזן קיין פעסימיסטישע גידאַנקן, די הכרה און דאָס באַוואוסטזיין, אַז ווידער הייבן מיר אָן בײַ דער „אלף"!

א״ג פרידנזאָן

## תוכן

**אג"פ:** ווידער הייבן מיר אָן בײַ דער „אלף"
**הרב אלחנן וואַסערמאַן:** עיקבתא דמשיחא
**הרב טובי׳ הורוויץ:** עת לדעת
**ד"ר נתן בירנבוים:** איין הילף
**י"ל גערשט:** ביכער, שרייבער און לייענער
**א. י. ליפּמאַנאָוויטש:** דריי מעשהלעך
**יהודית גלאַזשטיין:** לידער
**מ.וו. ניעסטעמפּאָווער:** וועגן צו דער אייגנער וועלט
**ישראל עמיאָט:** פאַרשטאַנין
**ד"ר העשיל קלעפּפיש:** אַ בריוו פון ארץ־ישראל
**זעליג שאַכנאָוויטש:** אלי׳ הנביא
**י. עמיאָט:** ליטעראַרישע נאָטיצן
**בנות-בלעטער:**
**פייגע זעליצקא:** וועגן צו אַלע בנות אָרגאַניזאַציעס
**עלא שמולעוויטש:** אָרגאַניזאַציע
די ערשטע אַגודיסטישע
שרייבער קאָנפערענץ אין לאָדזש
ידיעות און מודעות

